האָבן זיך פאַרט דערוואַרט. און אַז זיידל האָט אָנגענומען דאָס בלאַט און האָט זיי איבערגעלייענט דעם שיינעם פּסק פון דרייפוסן, איז געוואָרן אַ געשריי, אַ ליאַרעם — הימל עפן זיך! דער געשריי איז געווען נישט אויף די ריכטער, וואָס האָבן שלעכט געפּסקעט, נישט אויף די גענעראַלן, וואָס האָבן געשוואָרן פאַלש, נישט אויף די „פראַנצעהויזענדיקע", וואָס האָבן זיך אַזוי נישט שיין אויסגעפּינט, — ניין! דער געשריי איז געווען אויף זיידלען.

— סע קאָן נישט זײַן! — האָט כתרילעווקע געשריגן אין איין קול. — סע קאָן נישט זײַן אין דער וועלט אַזאַ משפּט! הימל און ערד האָבן געשוואָרן, אַז דער אמת מוז אַרויף, ווי בוימל אויפן וואַסער. וואָס ווילסטו אונדז דערציילן מעשיות?

— בהמות! — שרײַט נעבעך זיידל מיט אַלע כוחות און שטופּט זיי דאָס בלאַט גלײַך אין פּנים אַרײַן. — נאַט זעט וואָס סע שטייט אין בלאַט!

— בלאַט־שמאַט! — שרײַט כתרילעווקע. — און אַז דו וועסט זיך שטעלן אַט דאָ מיט איין פוס אויפן הימל און מיט דער אַנדערער אויף דער ערד — וועלן מיר דיר גלייבן? ס'איז אַ זאַך, וואָס עס קאָן נישט זײַן! עס קאָן נישט זײַן! עס קאָן נישט זײַן! עס קאָן נישט זײַן!

אַ סימן — ווער איז געווען גערעכט?

געשריבן אין יאָר 1902.



selves with so much shame. No, this protest was against Zaidle, who read to them.

"It can't be!" Kasrilevke screamed with one voice. "It can't be! The heavens and the earth have promised that the truth must always come out on top, just as oil comes to the top of water! What will you tell us next? What lies? What stories?"

"Idiots!" shouted poor Zaidle with all the strength of his lungs, and he pushed the newspaper right into their faces. "Here! See what it says here in the paper!"

"Paper!" cried Kasrilevke. "Paper! And if you stood here with one foot in heaven and one foot on earth we still wouldn't believe you. Such things cannot be! No, this cannot be! It cannot be! It cannot be!"

Well, and who was right?

*Translated by Hilde Abel*